וואוינט צווישן אונז, און מיר האָבן געזעען זיין
כבוד, אַ הערלעכקייט ווי פון אַ בן יחיד ביי זיין
15 פאָטער, פול מיט חסד און אמת. יוחנן האָט
עדות געזאָגט וועגן אים, און אויסגערופן, אַזוי צו
זאָגן: ער איז עס, וועגן וועמען איך האָב געזאָגט:
דער, וואָס קומט נאָך מיר, איז געווען פאַר מיר,
16 ווייל ער איז געווען פאָריס פאַר מיר. און פון
זיין פולקייט האָבן מיר אַלע באַקומען, און (טאַקע)
17 חסד איבער חסד. ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן
דורך משהן, דער חסד און דער אמת זענען געקומען
18 דורך ישוע המשיחן. קיינער האָט קיינמאָל נישט
געזעען ג־ט; (נאָר) דער בן־יחיד וועלכער איז
אינעם שויס פון דעם פאָטער, האָט (אים) באַקאַנט
געמאַכט.

19 און דאָס דאַזיקע איז יוחנן׳ס עדות־זאָגן, ווען
די יידן פון ירושלים האָבן געשיקט צו אים כהנים
20 און לוויים, כדי אים צו פרעגן: ווער ביסטו? און
ער האָט מודה געווען, און נישט געלייקנט; און
21 האָט מודה געווען: איך בין נישט דער משיח. און
זיי האָבן אים געפרעגט: טאָ ווער דען? צי ביסטו
אליהו? און ער זאָגט: איך בין עס נישט. צי ביסטו
22 דער נביא? און ער האָט געענטפערט: ניין. האָבן
זיי דעריבער געזאָגט: ווער זשע ביסטו? כדי מיר זאָלן
געבן אַן ענטפער צו די, וואָס האָבן אונז געשיקט.
23 וואָס זאָגסטו וועגן דיר אַליין? האָט ער געזאָגט:
איך בין אַ קול פון איינעם וואָס שרייט אין דער
מדבר: מאַכט גלייך דעם וועג פון דעם האר, אַזוי ווי
24 ישעיה הנביא האָט געזאָגט. (ישעיהו מ׳ ג׳) און די
25 שליחים זענען געווען פון די פרושים. און זיי
האָבן אים געפרעגט, און געזאָגט צו אים: טאָ
פאַרוואָס ביסטו טובל, אויב דו ביסט נישט דער